**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס געשעפט אין קווינס**

***ערשטע געשעפט אין אייגנטום פון א פרוי צו געשטיצט ווערן דורך די סטעיט'ס געזעלשאפטליכע גלייכקייט געזעלשאפטליכע גלייכקייט קאנאביס אינוועסטירונג קאסע וועט זיך עפענען אום מערץ 30***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט'ס ערשטע באדינגטע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפט אין אייגנטום פון א פרוי – אונטער א לייסענס וואס ווערט געגעבן פאר ביזנעסלייט וועלכע זענען אין די פארגאנגענהייט באשולדיגט געווארן צוליב די קאנאביס פארבאט – וועט זיך עפענען פאר געשעפטן 2 נאכמיטאג דאנערשטאג, מערץ 30, אויף 162-03 Jamaica Avenue. די קווינס געשעפט, מיט די נאמען Good Grades, איז א פאמיליע ביזנעס אין אייגנטום פון א פרוי, אנגעפירט דורך די ביזנעספרוי עקסטעזי דזשעימס און איר קוזין, מייקעל דזשעימס דזשוניאר, א געבוירענער פון דזשעמעיקע, קווינס און א לויער וואס האט זיך קאנצעטרירט אויף צו פארטיידיגן קליענטן וועלכע זענען געווען איבערגעגעבן צו שתדל'ן פאר די מינאריטעט ביזנעס קאמיוניטי.

"מיט די עפענונג פון Good Grades אין קווינס, זענען מיר פאר צו ארויפבויען אויף אונזער פארשריט צו שאפן א זיכערע, רעגולירטע קאנאביס אינדוסטריע אין ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק ארבעט צו שטיצן ביזנעסלייט און צו זיכער מאכן אז קונדן קענען קויפן זיכערע, לעגאלע פראדוקטן בשעת'ן שטיצן זייערע קאמיוניטיס."

Good Grades ווערט געשטיצט דורך די ניו יארק סטעיט געזעלשאפטליכע גלייכקייט קאנאביס אינוועסטירונג קאסע (Social Equity Cannabis Investment Fund), און עס וועט זיך עפענען אלץ א צייטווייליגע "פּאַפּ-אָפּ" לאקאציע. פונקט ווי אנדערע געשעפטן וועלכע וועלן געשטיצט ווערן דורך די קאסע, וועט די פלאן גיבן פאר די לייסענסירטע געשעפטן די געלעגנהייט זיך צו עפענען אויף א צייטווייליגן פארנעם צו מאכן שנעלע געשעפטן, גיבן טרענירונג געלעגנהייטן פאר ארבייטער און אנהויבן אויפטרייבן געלט מיטלען פאר זייערע ביזנעסער. דערנאך וועלן זיי זיך פארמאכן פאר ענדגילטיגע קאנסטרוקציע און זיך צוריק עפענען אויף א לאנג-טערמיניגע אופן.

דער 'פּאַפּ-אָפּ' פראגראם בענעפיטירט אלע ביזנעסער וועלכע זענען טייל פון די קאנאביס סופליי טשעין, אריינרעכענענדיג די פארמער וועלכע האבן שוין קאנאביס גרייט צו ארויסגעשיקט ווערן, די פירמעס וועלכע ארבעטן אויס קאנאביס עס צו מאכן פאר אנדערע סארטן פראדוקטן, און אזוי אויך די דיסטריביוטערס און ריטעיל געשעפט אייגנטימער וועלכע ארבעטן צו גיבן פאר די קונדן צוטריט צו זיכערע, פארלעסליכע פראדוקטן. די געשעפט העלפט פאראויס רוקן ניו יארק'ס ציהלן פון גלייכקייט אין קאנאביס לייסענסירונג, די ציהלן וועלכע גיבן א דין קדימה צו באקומען א לייסענס פאר מענטשן וועלכע זענען געווען פארפלאנטערט מיט די יוסטיץ סיסטעם, נעמליך מענטשן מיט א קאנאביס באשולדיגונג אדער א נאענטע קרוב פון אזא איינעם.

**DASNY פרעזידענט און CEO, ריובען מעקדעניעל דער דריטער, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר עפענען די ערשטע געשעפט אין קווינס, ווידערהאלן מיר ניו יארק'ס צוזאג צו אדרעסירן טיף איינגעווארצלטע היסטארישע אומרעכטן און צו שאפן נייע גלעלעגנהייטן צו אויפטרייבן פאמיליע רייכטום פאר די וועלכע זענען די מערסטע באטראפן געווארן דורך די אומיושר'דיגע אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, פאר די אויסערגעווענטליכע שטיצע וואס דער פראגראם האט באקומען פון די לעגיסלאטור און פאר די ארבעט פון די קאסע פירערשאפט — אלע פון וועלכע האבן אונז געהאלפן ממשיך זיין אונזער פארשריט אויף דעם וויכטיגן איניציאטיוו."

**Good Grades אייגנטומערין עקסטעזי דזשעימס האט געזאגט,** "איך בין גאר באגייסטערט צו עפענען די טירן פון Good Grades, די סאמע ערשטע קאנאביס געשעפט אין קווינס, ניו יארק. מיר זענען זייער איבערגעגעבן צו די צוועק פון צושטעלן מער צוטריט צו קאנאביס און צו אראפברעכן די מויערן וועלכע האלטן צוריק פון אזויפיל מענטשן, ספעציעל די וועלכע קומען פון באזייטיגטע קאמיוניטיס, פון באקומען די בענעפיטן פון די געוואלדיגע פלאנצונג. מיר פארשטייען ערשטהאנטיג די סטיגמע וואס איז צוגעקלעבט געווארן צו קאנאביס פאר צו לאנג, און מיר קענען נישט ווארטן זיך צו אנשליסן אין די בליהענדע קאנאביס קאמיוניטי דאס צו העלפן טוישן. אונזער געשעפט איז א ווארעמע און אריינגעמיגע פלאץ וואו יעדער איינער קען קומען לערנען, ארומקוקן און טרעפן די פראדוקטן וואס זענען די מערסטע צוגעפאסט צו זייערע אייגנארטיגע באדערפענישן."

**Good Grades שותף, מייקעל דזשעימס דזשוניאר, האט געזאגט,** "דזשעמעיקע, קווינס איז יעצט א צענטראלע פלאץ פון די קאנאביס אינדוסטריע, אזוי ווי די ערשטע געשעפט אין קווינס גייט אט אט עפענען אירע טירן. איך וואלט נישט געקענט זיין מער באגייסטערט מיט די גלעגנהייט און געוואלדיגע אחריות דאס צו ברענגען צו אונזער היימשטאט צום ערשטן מאל. די נייע אונטערנעמונג איז א באדייטנדע ערגרייכונג פאר אונזער פאמיליע, היימשטאט און פאר פרויען אין ניו יארק. אין צוגאב צו גאווערנער האקול, DASNY, די קאנאביס קאנטראל באורד, די OCM און די קאסע — ווילן מיר אויך באדאנקען די צאללאזע שטיצע מאנשאפטן וועלכע האבן אונז געהאלפן אנקומען צו די שטאפל."

**קווינס באראו פרעזידענט דאנאוון ריטשארדס דזשוניאר האט געזאגט,** "געזעלשאפטליכע ענדערונגען געשעהען נישט שנעל אדער גרינג, אבער די עררייכונג פון עפענען קווינס'ס ערשטע לייסענסירטע קאנאביס געשעפט איז גארנישט ווייניגער פון א מהפכה פאר אונזער באראו. דאס וואס איז אמאל געניצט געווארן אלץ א כלי צו ציהלן מינאריטעט קאמיוניטיס איז ענדליך א קריטישע און לעגאלע חלק פון אונזער עקאנאמישע פאזל וואס וועט שאפן דזשאבס, רייכטום און גלעגנהייטן אין די זעלבע קאמיוניטיס. איך וויל וואונטשן Good Grades און ביזנעסמאן מייקעל דזשעימס דזשוניאר פארן מאכן היסטאריע — איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען צו זיכער מאכן אז די אויפשטייגנדע פעלד אין אונזער עקאנאמיע ווערט איינגעווארצלט אין גלייכקייט און אין באפולמעכטיגונג."

**קאנאביס קאנטראל באורד טשעירפרוי טרעמעין רייט האט געזאגט,** "די אנגייענדע פארשריט וואס די מארקעט מאכט איז באגייסטערנד צו זעהן, און איך בין שטאלץ אז מיר עפענען די ערשטע געשעפט אין אייגנטום פון א פרוי אין קווינס. מיר וואלטן נישט געקענט שטיין דא היינט אן די שטיצע פון גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור, און איך דאנקבאר אז זיי האבן פארגעזעצט צו אויספלאסטערן א וועג פאראויס פאר די אינדוסטריע וואס איז יושר'דיג און וועט פארגוטיגן פאר די שאדנס וואס זענען פאראורזאכט געווארן דורך די אומיושר'דיגע אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט."

**אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קריס אלעקסאנדער, האט געזאגט,** "מיר זעצן פאר צו ברענגען רעזולטאטן מיט די ציהלן פון אונזער סטעיט'ס קאנאביס געזעץ צו בויען א גלייכע אינדוסטריע וואס העלפן אויפלעבן די קאמיוניטיס וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן דורך די

איבערגעטריבענע אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט. מיט די ערשטע קאנאביס געשעפט אין די אייגנטום פון א פרוי זיך עפענענדיג אין קווינס, ווייזן מיר די וועלט אז מיר קענען אריינגיין אין די נייע מארקעט מיט די רעכטע פוס מיט יושר ווייזנדיג די וועג."

**לאוועטא וויליס, דזשענעראל פרינסיפעל פון די קאסע'ס אלגעמיינע שותף, Social Equity Impact Ventures, LLC, האט געזאגט,** "אלץ א ביזנעס אייגנטומערין וואס איז א פרוי איז עס מיר א כבוד צו שטיצן די הצלחה פון אן אנדערע פרוי אין די אינדוסטריע. טונקל-הויטיגע פרויען אין קאנאביס באקומען ווייניגער סערוויסעס פון אנדערע און זענען ווייניגער אין צאל, און מיר נעמען שריט דאס צו טוישן. אלץ א מאנשאפט ווארפן מיר אראפ מויערן און מיר שאפן מער געלעגנהייטן פאר טונקל-הויטיגע און ברוין-הויטיגע ביזנעס אייגנטימער דורכן צושטעלן פינאנצירונג, טרענירונג און שטיצע. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן אונז פירן אין די מהפכה'דיגע ריכטונג צו טוישן די וועג וויאזוי געזעלשאפטליכע גלייכקייט פראגראמען ווערן דורכגעפירט היינט."

די לאקאציע אין קווינס איז טייל פון דעם פראגראם וואס איז אויטאריזירט געווארן דורך גאווערנער האקול און דורך די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור און עס ווערט געספאנסארט דורך די קאסע צו שטיצן דאס איינקויפן, דעזיינען, אויפבויען און אויסשטאטן לאקאציעס צו ווערן קאנאביס געשעפטן וועלכע וועלן אפערירט ווערן אונטער CAURD לייסענסעס. ארבעטן מיט דארמיטארי אויטאריטעט פון דער סטעיט אוו ניו יארק (DASNY) אונטער, דער סאציאלע ישרות סערוויסינג קארפאראציע (SECS), איז דער פונד א פובליק-פריוואטע באגרעניצטע שותפות וואס איז אויסגעפארעמט אוועקצושטעלן געזעלשאפטליכע-גלייכקייט ביזנעסלייט אויף א פאזיציע צו קענען מצליח זיין אין ניו יארק'ס ניי-געשאפענע קאנאביס אינדוסטריע. די פונד וואס ווערט פארוואלטעט דורך Social Equity Impact Ventures וועט העלפן יוסטיץ-שייכותדיגע מענטשן מיט CAURD לייסענסעס צו פארשאפן די געלטער אויפצושטעלן דערוואקסענעם-באניץ פון קאנאביס ריטעיל דיספענסארן. עס ווערט געשטיצט דורך ביז אזויפיל ווי 50 מיליאן דאלאר אין לייסענסירונג אפצאלונגען און פארדינסטן פון די ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס אינדוסטריע און ביז אזויפיל ווי 150 מיליאן דאלאר פון די פריוואטע סעקטאר.

די CAURD לייסענס איז א צענטראלע זייל פון די ניו יארק סטעיט איינזייען געלעגנהייט אינציאטיוו. דורך די אינציאטיוו וועלן ניו יארק'ס ערשטע לעגאלע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפטן אפערירט ווערן דורך די וועלכע זענען שווערסטע באטראפן געווארן פון די אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט אדער דורך נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס וועמען'ס סערוויסעס רעכענען אריין שטיצע פאר געוועזענע ארעסטאנטן. די געשעפטן פארקויפן לעגאלערהייט פאר ערוואקסענע קאנאביס פראדוקטן וועלכע זענען געוואקסן געווארן דורך פארמער אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט.

פאסיגע אפליקאנטן זענען יענע וואס האבן געהאט א קאנאביס מישפט אליין אדער א מיטגליד פון זייער א נאנטע משפחה וואס פארמאגט אדער האט פארמאגט א ביזנעס וואס האט געהאט א נעטא פארדינסט פאר כאטש צוויי יאר. נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס זענען בארעכטיגט פאר CAURD לייסענסעס אויב זיי האבן א היסטאריע פון צושטעלן סערוויסעס פאר יעצטיגע אדער געוועזענע ארעסטירטע מענטשן, אריינרעכענענדיג זיי גיבן ארבעט'ס געלעגנהייטן; האבן צום ווייניגסטנס איין באורד מיטגליד וואס איז אליין פארפלאנטערט געווען מיט די יוסטיץ סיסטעם; צום ווייניגסטנס פינף פולצייטיגע ארבעטער; און האבן אפערירט א געזעלשאפטליכע קערפערשאפט וואס האט געהאט פארמעגנס אדער פארדינסטן פאר צום ווייניגסטנס צוויי יאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418